א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

291 | פרשת דברים | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### ברכת המזון אין מדבר - צוליב די תקנה פון משה

**"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל"** (א א)

אין זיין פתיחה אויף ספר דברים ערקלערט דער **רמב"ן**: כאטש מיר זענען שוין באפוילן געווארן אלע מצוות אויפן בארג סיני, דאך האט משה רבינו נישט אלעס אויסגערעכנט ביז ספר דברים: "ווייל ס'קען זיין אז די מצוות האט מען זיך נישט געפירט נאר אין ארץ ישראל... אדער ווייל זיי גייען אן נישט שטענדיג, האט ער זיי נישט דערמאנט נאר פאר די וואס זענען אריין אין ארץ ישראל".

וואונדערט זיך אויף דעם דער **רדב"ז**: וויאזוי קען מען למשל זאגן אויף די מצוה פון 'ברכת המזון' וואס מיר זענען באפוילן געווארן אויף דעם אין פרשת עקב (ח י): "ואכלת ושבעת וברכת..." אז דאס איז מחוייב געווארן נאר אין אר"י?

ענטפערט **רבי מאיר דן פלאצקי**:

נישט ווי דער רדב"ז האט אפגעלערנט; דער ערקלערונג אויף דעם וואס די אידן זענען נישט באפוילן געווארן מיט ברכת המזון ביז צו חומש דברים, איז נישט ווייל עס טרעפט זיך נישט, נאר ווייל מ'איז נישט מחוייב געווען מיט ברכת המזון נאר ביים אריינגיין אין ארץ ישראל. ווייל אזוי זעהט אויס דער לשון פון די גמרא: "**משה תקן לישראל ברכת הזן בשעה שירד להם מן**" (ברכות מח ב), זעהט מען פון דעם אז זייענדיג אין מדבר האט מען געבענטש נאר צוליב די תקנה פון משה, און נאר ווען מ'איז אריין אין ארץ ישראל איז מען מחוייב געווארן מן התורה.

שו"ת הרדב"ז ח"ו ב"א קמג; 'כלי חמדה'

### מוסר זאגן און אויך מלמד זכות זיין

**"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן"** (א א)

"לפי שהן דברי תוכחות ומנה כל המקומות שהכעיסו לפני המקום בהן, לפיכך סתם את הדברים והזכירן ברמז, מפני כבודן של ישראל" (רש"י).

עס איז א באקאנטער כלל אז די ווארט 'אלה' קומט פארוויינִיגערן (ראה ב"ר יב ג). וואס קומט דא דער ווארט 'אלה' פארוויינִיגערן?

זאגט **רבי שלמה קלוגער** דער בראדער מגיד:

אויך אין די צייט וואס משה רבינו האט מוסר געזאגט פאר די אידן, האט ער נישט אויפגעהערט פון צו מלמד זכות זיין אויף זיי פאר הקדוש ברוך הוא. אזוי ווי די חכמים זאגן איבער דעם חטא העגל (דב"ר א ב): "פאר די אידן האט ער געזאגט (שמות לב ל): 'אַתֶּם חֲטָאתֶם חֲטָאָה גְדֹלָה', פאר הקדוש ברוך הוא האט ער געזאגט (שם לב יא): 'לָמָה ה' יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ'". דאס איז אונזער פסוק מרמז: "אֵלֶּה הַדְּבָרִים" - די שטראף רייד, "אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל" - אבער פאר השי"ת האט ער מלמד זכות געווען.

'אמרי שפר'

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

**אמן ראטעוועט פון די פחד פון אויבן**

**"וָאֹמַר אֲלֵכֶם לֹא תַעַרְצוּן וְלֹא תִירְאוּן מֵהֶם"** (א כט)

"וְלֹא תִירְאוּן מֵהֶם" - איז ראשי תיבות 'מות' און סופי תיבות 'אמן', דיך צו לערנען אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן, דארף נישט ציטערן פון דעם יום המיתה. ווייל ער איז פארזיכערט אז באלד וועט מען פאר אים עפענען די טויערן פון גן עדן, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחין לו שערי גן עדן", און דער '**בן איש חי**' טייטש ('בן יהוידע' שם) אז דער וואס ענטפערט אמן, ווען זיין נשמה גייט ארויף אויפן עולם העליון וועט ער באלד זעהן די טויערן פון גן עדן געעפנט פאר אים, כדי ער זאל אינגאנצן נישט זיין דערשרעקן פון דער שטראף פון אויבן.

'יושיע ציון' אות כד

### 'שנראה כל אחד מעלת חברנו ולא חסרונו'

**"הָבוּ לָכֶם אֲנָשִׁים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם"** (א יג)

"'וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם' - שהם ניכרים לכם. שאם בא לפני מעוטף בטליתו, איני יודע מי הוא ומאיזה שבט הוא ואם הגון הוא, אבל אתם מכירין בו, שאתם גדלתם אתו" (רש"י).

וויאזוי קען זיין אז משה רבינו דער אדון הנביאים זאל נישט דערקענען א מענטש וואס שטייט אקעגן אים?

ענטפערט **רבי יחיאל מיכל היבנער** פון ניזנוב, לויט וואס מ'דערציילט אויפן אפטער רב דער '**אוהב ישראל**', וואס צוליב זיין געוואלדיגע אהבת ישראל האט ער געדאוונט און געבעהטן ער זאל נישט זעהן קיין שלעכט'ס אויף קיין שום איד. לויט דעם קען מען זאגן, אז אויך משה רבינו וואס איז געווען דער אויסגערופענער אוהב ישראל האט געבעהטן ער זאל נישט זעהן קיין פעלער אין די וואס געפונען זיך אין זיין געגנווארט, און וועגן דעם האט ער געבעהטן פון אנדערע זיי זאלן אים דערציילן אויב דעם וואס ער וויל שטעלן א שופט איז פאסיג צו זיין אמט.

'לבושי מכלול' השמטות אות ט

### די ארימעלייט דארפן דאווענען אויף די רייכע

**"לֹא תַכִּירוּ פָנִים בַּמִּשְׁפָּט כַּקָּטֹן כַּגָּדֹל תִּשְׁמָעוּן"** (א יז)

אין די תקופה וואס **רבי ירוחם יהודה לייב פערלמאן** האט געדינט אלץ דער רב אין מינסק, האט אויסגעבראכן א גרויסע קריגעריי צווישן עטליכע רייכע סוחרים. דער רב האט זיך אינגאנצן אריינגעטון אין די קריג, און דאס האט צוגעברענגט אז עטליכע פון די קהילה מיטגלידער האבן גע'טענה'עט אז די אויפגאבע פון א רב איז זיך אפגעבן מיט די ארימעלייט, אכטונג געבן אויף זייערע רעכטן און זיי ראטעווען פון פארברעכער און שווינדלער!

האט דער 'גדול פון מינסק' זיי געענטפערט: עס איז א טעות צו טראכטן אז דער רב וואס איז מחוייב צו דן זיין א דין אמת איז עס כדי צו אכטונג געבן אויף די רעכטן פון די ארימעלייט. פונקט פארקערט: פון רש"י'ס טייטש אויפן פסוק: "כַּקָּטֹן כַּגָּדֹל תִּשְׁמָעוּן" - "שלא תאמר זה עני הוא וחברו עשיר ומצוה לפרנסו, אזכה את העני ונמצא מתפרנס בנקיות", זעהט מען אז די תורה האט זיך אויך געזארגט אויף די רעכטן פונעם עשיר. נאכמער פון דעם, נישט נאר אז ס'דארף נישט ווי טוהן פאר די ארימעלייט אז דער רב פון שטאט איז באשעפטיגט מיט שלום מאכן צווישן די רייכע, נאר פארקערט, זיי דארפן אויך דאווענען אויף די הצלחה פון די עשירים, ווייל צוליב זייער הצלחה אין זייערע געשעפטן שפייזן זיי הונדערטער און טויזנטער מענטשן, און יעדע שאדן וואס זיי האבן איז אויך א שאדן פאר די וואס זענען אנגעהאנגען אין זיי.

'הגדול ממינסק' השיחה הרביעית

### תפילה העלפט פארן דיין ער זאל פסק'ענען לויט די הלכה

**"וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם תַּקְרִבוּן אֵלַי וּשְׁמַעְתִּיו"** (א יז)

עס האט דערציילט **רבי יחיאל שליזנגער**, א תלמיד פון 'חתם סופר':

איך בין געשטאנען נעבן מיין רבי דער '**חתם סופר**' ווען עס איז פאר אים פארגעלייגט געווארן א שווערע און קאמפליצירטע הלכה'דיגע שאלה. איך האב באמערקט אז בעפאר ער האט געענטפערט, האט מיין רבי פארמאכט זיינע אויגן מיט א דבקות, און נאר נאכדעם האט ער געענטפערט אויף די שאלה. ווען ער האט באמערקט אז איך וואונדער זיך אויף דעם וואס איך האב יעצט געזעהן, האט ער מיר ערקלערט מיט זיין שיינעם שפראך: די תורה לערנט אויס די דיינים: "וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם" ווען עס קומט ענק א שווערע שאלה, "תַּקְרִבוּן אֵלַי" - זאלן ענק זיך דערנענטערן צו מיר און זיך באהעפטן אין מיר, און אין דעם זכות: "וּשְׁמַעְתִּיו" - וועל איך ליכטיג מאכן ענקערע אויגן צו פסק'ענען ריכטיג.

'בית יוסף החדש' עמ' קי


## וכל מאמינים

דערפאר ווערט אנגערופן דער וואס ענטפערט אמן "שומר אמונים" (שבת קיט ב), ווייל דורך ענטפערן אמן היט מען אפ די אמונה, "ווייל דער עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן" ('מגלה עמוקות' האזינו)

לרגל י"ג באב יומא דהילולא של ה'מגלה עמוקות'.

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.





# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## 'השכמת בית המדרש' (א)

אין די ראם פון די סעריע ארטיקלען וואס נעמען ארום אלע ענינים פון תפילה, האבן מיר שוין ארום געשמועסט וויאזוי א דאווענען דארף אויסזעהן - דאווענען מיט א מנין, אין שוהל, און אין א מקום קבוע. אין די קומענדיגע ארטיקלען וועלן מיר פארזעצן און אויסשמועסן די וויכטיגקייט פון אויפשטיין צום דאווענען אין א באשטימטע צייט, ווי פריער עס איז מעגליך.

### אויפשטיין אינדערפריה - דער סוד פון מצליח זיין א גאנצן טאג

יעדן אינדערפריה אין די ברייתא פון 'אלו דברים', רעכענען מיר אויס די זאכן "שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא", אינצווישן זיי: "השכמת בית המדרש שחרית וערבית". 'השכמת בית המדרש' ווערט דערמאנט צווישן זייער חשובע מצוות, אזוי ווי 'כיבוד אב ואם', 'גמילות חסדים' און נאך, פון דעם קענען מיר לערנען איר גרויסן חשיבות. מיר וועלן פראבירן שמועסן איבער דעם ענין.

עס איז באקאנט דער ווארט וואס די וועלט זאגט, נישט אומזינסט האט דער 'שולחן ערוך' באשלאסן אנהויבן זיין גרויסן ספר וואו דארט לערנט ער אויס די התנהגות פון א אידישע לעבן, מיט די ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר", אז דער יסוד פון אלע מצוות און עבודת ה' ליגט אין די הלכה, ווייל ווען דער טאג הייבט זיך אן מיט אויפשטיין מיט א זריזות ווי עס דארף צו זיין, וועט א גאנצן טאג זיין ווי עס דארף צו זיין.

מיט דעם טייטש מען די גמרא (ברכות נח א): "הבא להרגך - השכם להרגו", אז דער סוד פון זיך שטארקן אויפן יצר הרע ליגט באהאלטן אין אויפשטיין אינדערפריה. ווייל ווען דער מענטש הייבט אן דעם טאג מיט א גרויסע מלחמה אקעגן דעם יצר הרע וואס רעדט אים איין ער זאל ווייטער שלאפן, ווערט אויף אים געצויגן א חוט של חסד אויף א גאנצן טאג, און דורך דעם קען ער אגאנצן טאג זיך שטארקן אויפן יצר הרע ('פלא יועץ' ערך השכמה).

### דער כבוד שמים זאל נישט זיין ווייניגער פון דיין כבוד

אויף די וויכטיקייט פון אויפשטיין פריה צום דאווענען שטייט אין ספר 'מנורת המאור' (א צא):

"א מענטש זאל שטענדיג זיין געשיקט אויפשטיין אינדערפריה פון זיין בעט אן קיין פוילקייט צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף זיינע חסדים וואס ער האט געטון מיט אים... און אויב ער וועט זיין מיד און וועט וועלן כאפן א דרימל, זאל ער אריינטראכטן אז אויב איינער וועט אים רופן צו פארדינען אפילו איין גאלדענע רענדל, וועט ער שנעל אויפשטיין... אויב אזוי וואס דארף ער טוהן אויף עבודת הבורא שאמר והיה העולם?!... און דעמאלטס וועט ער אויפשטיין פריה צו דינען דעם באשעפער מיט א גאנצע הארץ, און וועט גיין דאווענען..."

דער 'חיי אדם' אין זיין באקאנטע צוואה ('בית אברהם' אות ח) ערקלערט עס מיט א משל, לויט די לעבנ'ס שטייגער אין זיינע צייטן:

ווען דער סוחר פארט צום יריד וואס קומט פאר אין לייפציג פון צייט צו צייט, ווי שטארק געבט ער אכטונג אין די טעג פון דער יריד אויפשטיין זייער פריה, נישט צו פארלירן די געלעגנהייט וואס וועט זיך אפשר מאכן פאר אים, איינקויפן סחורה פאר זייער א ביליגע פרייז, און עס קענען שפעטער פארקויפן פאר א גוטע פרייז.

אויב אזוי מאך פאר דיר אליין א קל וחומר: אויב ווען מ'רעדט ווען האנדלען וואס די פארדינסטן זענען אינגאנצן נישט פארזיכערט; אפשר וועט מען נישט טרעפן סחורה פאר ביליג, און אויך אויב מ'וועט טרעפן, וועט עס אפשר געשעדיגט ווערן אדער גע'גנב'עט ווערן אויפן וועג, און אפשר וועט עס אינגאנצן נישט פארקויפט ווערן. פון דעסוועגן איז דער סוחר מקפיד אויפשטיין פריה יעדן טאג עקסטער, אפשר וועט עס אים העלפן צו פארדינען נאך עפעס. על אחת כמה וכמה ווען מ'האנדלט איבער די מצוה פון דאווענען וואס דאס גאנצע לעבן פון א מענטש איז אנגעהאנגען אין דעם, און אויך אויב חלילה ווערט זיין תפילה נישט אנגענומען, וועט די מצוה בלייבן ביי אים אויף אייביג, איז זיכער אז ער דארף אכטונג געבן אויפשטיין פריה כדי עס מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין, ער זאל חלילה נישט דערלייגן אזא גרויסע שכר צוליב אביסל פוילקייט.

מענין לענין באותו ענין, דער 'כתב סופר' אין זיין ספר על התורה (פר' עקב) זאגט, נישט אומזינסט שטייט אין די פרשה פון קריאת שמע: "ולעבדו בכל לבבכם", נעבן "ונתתי מטר ארצכם", ווייל אמאל קען דאס אויפשטיין אינדערפריה צו דאווענען בציבור שטערן דעם מענטש פון זיינע געשעפטן, אמאל דארף ער זיך אפגעבן מיט דעם פונקט אין די צייט וואס איז באשטימט צום דאווענען, און דעמאלטס רעדט אים איין דער יצר הרע ער זאל דאווענען אויפן וועג צי ער זאל דאווענען ביחידות, דעריבער זאגט די תורה, אז דער וואס איז מקיים: "ולעבדו בכל לבבכם" - מיטן דאווענען אין א באשטימטע צייט און בציבור, איז ער פארזיכערט אז ער וועט זוכה זיין צו: "ונתתי מטר ארצכם בעתו", און זיינע געשעפטן וועלן זיכער נישט געשעדיגט ווערן צוליב דעם וואס ער איז מקפיד צו דאווענען אין צייט.

### 'סדר' אין עבודת ה' איז ווי א 'קניפ אויף א פערל-קייטל'

דער משגיח רבי ירוחם פון מיר, איז געווען געוואוינט נאכזאגן אין נאמען פון זיין רבי דער אלטער פון קעלעם די חשיבות פון 'סדר' ביי עבודת ה', עס איז ענליך צו א קניפ וואס מ'מאכט אויף א פערל-קייטל; כאטש עס איז זיכער אז דער הויפט זענען די פערל שטיינער, און דער קניפ איז נאר ווי א טפל זיי, דאך איז זיין חשיבות זייער גרויס, ווייל אויב מ'וועט אויפבינדן דעם קניפ וועלן אלע פערל שטיינער זיך צושפרייטן אויף די ערד.

דאס איז דער חשיבות פון 'סדר' ביי עבודת היום; עס געבט אכטונג אויף די אלע קנינים וואס א מענטש קויפט זיך איין טאג טעגליך. דעריבער אויב ער געבט אכטונג אויפשטיין פון זיין שלאף אין א באשטימטע צייט, און דורך דעם דאווענען אין א באשטימטע צייט, אויך זיין גאנצע תורה, זיין דאווענען און זיינע מצוות ווערן געטוהן אויף דעם וועג פון א סדר און א קביעות, און נאר אזוי קען ער זיין פארזיכערט אז די רוחניות'דיגע קנינים וואס ער וועט זיך איינקויפן טאג טעגליך וועלן בלייבן ביי אים אויף אייביג ('דעת תורה' במדבר עמ' יז).

אויך דער משגיח הגר"י לעווינשטיין, פון די חשובע תלמידים פון קעלעם האט שטארק מקפיד געווען אויפשטיין אין א באשטימטע צייט כדי זיך צו קענען גרייטן צום דאווענען. ער איז געווען געוואוינט צו זאגן אין זיינע שמועסן, אז א תפילה אן קיין הכנה איז נישט קיין תפילה, און אויב מ'קומט נישט צייטליך קען מען נישט אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין. וועגן דעם האט ער שטענדיג זייער אכטונג געגעבן צוקומען אסאך צייט פארן דאווענען, זיך גרייטן ווי עס דארף צו זיין און אנהויבן דאס דאווענען אויפן סדר מיטן זאגן די ברכות השחר אויפן קול און מיט כוונה. זיינע תלמידים דערציילן אז ער האט קיינמאל נישט פארשפעטיגט צום דאווענען, אויסער איינמאל, אין די תקופה וואס די מיר'ער ישיבה איז געווען אין קיידאן. דאס איז געווען ווען דער משגיח האט געוואוינט אין א צימער וואס מ'האט געדינגען פאר אים אין א אכסניא, און אינדערפריה האט ער געטראפן פעדערן וואס זענען ארויסגעפאלן פון די דעק וואס ער האט זיך מיט דעם צוגעדעקט. ווייל ער האט מורא געהאט טאמער דאס האט פאסירט צוליב אים און ער וועט נכשל ווערן אין די איסור פון גזל, האט ער זיך געפלאגט צוזאמנעמען די אלע פעדערן, און צוליב דעם האט ער יענעם טאג פארשפעטיגט צום דאווענען.

הגה"ח רבי אהרן צבי מארמארשטיין שליט"א דער ראש כולל פון סערעט וויזשניץ אין בני ברק און א תלמיד פון מרן בעל 'שבט הלוי' דערציילט אז ער האט זוכה געווען צו הערן פון זיין רבי זייענדיג אין די עלטערע יארן, אז פון ווען ער איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, נאכן אנטלויפן פון די ברענענדיגע אייראפא אין די יארן פון די צווייטע וועלט'ס קריג, האט ער נישט געדאווענט שחרית נאך 7:00 אזייגער אינדערפריה, ווען ער באטאנט אז ער קיינמאל נישט אנדערשט געטוהן אפילו איין טאג.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## אויף וואס האט רבי אהרן געדאוונט?

יאר תשי"ד. א גרויסער עולם פון כולל-יונגעלייט און ארבייטער, חסידים ואנשי מעשה פון די בני ישוב הישן, האבן זיך פארזאמלט אין דער 'בנות ירושלים' זאל וואס געפונט זיך נעבן די 'אונגערישע הייזער', זיך צו פרייען און אויך דערפרייען אנדערע ביי די חתונה פון דעם חשוב'ן חתן, צוזאמען מיט די חשובע כלה, א טאכטער פון איינע פון די חשובע ירושלים'ער משפחות.

די גרודער פון די גאפלעך האבן דערציילט פאר אלע וואס זענען אריינגעקומען אין זאל אז מ'האלט יעצט אינמיטן די סעודה. די איינגעלאדנטע זענען געזיצן ארום שיינע געדעקטע טישן וואס זענען געווען צוגעשטעלט איידל און באשיידן, אזוי ווי די שטייגער אין יענע צייטן. קאלטע טרינקען האט נישט געפעלט, קוגלעך, הערינג און מצה'עלעך האט מען פאר אלעמען צוגעברענגט, אויך וויין האט זיך געגאסן בשפע, היימישע וויין וואס איז געמאכט געווארן דורכ'ן אבי החתן.

דער ירושלים'ער דרשן האט יעצט געענדיגט צו זאגן זיין מייסטערהאפטיגע דרשה וואס האט ערוועקט און משמח געווען די הערצער, און די טיילער'ס האבן אנגעהויבן צו ברענגען די הויפט פארציע - שארפע געפילטע פיש, אזוי ווי מ'פלעגט עס צו מאכן אין די אמאליגע צייטן, צוזאמען מיט א קליין שטיקל מייער נעבן דעם, באגלייט מיט שארפע 'חריין'...

אויפן מזרח-טיש זענען געזיצן די חשובע געסט, רבנן ותלמידיהון, און שפיץ פונעם ראש ישיבה פונעם חתן וואס איז אויך געווען דער 'מסדר קידושין', דער באקאנטער גאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל, דער ראש ישיבה פון לעיקוואד, איידעם פון דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, דער ראש ישיבה פון 'עץ חיים', וואס איז נאר לעצטנ'ס נפטר געווארן.

אויף דעם טיש זענען די פארציעס איבערגעבליבן כמעט ווי פאר"יתומ'ט, ווייל די וואס זענען דארט געזיצן זענען זאט געווארן פון דברי תורה. פון דעם ריכטונג פון דער טיש זענען געהערט געווארן הויכע קולות פון טענה'רייען. דאס איז געווען נאך וואס רבי אהרן האט ארויפגעברענגט א טיפע קשיא, און די גרופע תלמידים וואס האבן אים ארום גענומען האבן עס פראבירט פארענטפערן אויף עטליכע וועגן, ווען אינדערמיט זיצן די גדולי התורה און פראבירן ברענגען ראיות אהין און אהער...

אינמיטן האט מען אויסרופן אז דער חתן קומט שוין ארויס פונעם 'יחוד-שטוב', דער 'פויקער' האט אנגעהויבן קלאפן אויפן פויק, און די קאפעליע זינגער'ס האבן אנגעהויבן דעם באקאנטן ליד... אוהו אוהו אוהו אוהו איי איי איי...

די פיס האבן זיך געהויבן מיט א שמחה של מצוה, אסאך מענטשן האבן זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ מיט התרגשות, ווען מ'נעמט אויף דעם חתן וואס איז אויפגעהויבן געווארן אויפן אקסל פון איינעם פון זיינע חברים.

די געוואלדיגע שמחה האט געשפאלטן הימלען, און פלוצלינג האט זיך עס אפגעשטעלט...

א שרעקעדיגע קול האט פלוצלינג אפגעשטעלט די פרייליכע אטמאספער...; אוהההההההו או אוהההו או...

אלארעם.

די שאק איז געווען זייער גרויס. אין יענע יארן צווישן תש"ח און תשכ"ז האט געהערשט א געשפאנטע שטילקייט אויף דער גרעניץ וואס איז געווען נאנט צום זאל, דער גרעניץ וואס גייט אריבער אינמיטן די שטאט ירושלים. פון די אנדערע זייט פון דער גרעניץ האבן געוועלטיגט די ירדנ'ער, אבער מיטן אויבערשטנ'ס הילף האט זיך געהאלטן די רואיגקייט און די שטילקייט, און פון די צוויי זייטן פון שטאט האט דאס לעבן זיך געפירט ווי געווענליך.

זייער זעלטן האבן פאסירט פייער אינצידענטן. יעצט איז געווען פון די איינציגע פעלער.

מיטאמאל איז געווארן א געדעכטע טונקלקייט אין דעם רוישיגן זאל. א שטארקער גרודער האט זיך אנגעהויבן צו הערן, און די פרייליכע אטמאספער האט געמאכט פלאץ פאר די שרעקליכע פאניק.

קולות פון געוויין און געשרייען האבן אנגעפילט דעם זאל. א טייל פון די באטייליגטע האבן פראבירט זיך ארויסראטעווען אינדרויסן, און דער אנדערער טייל האט זיי פראבירט אפהאלטן מיטן זאגן אז אינדרויסן איז א גרעסערער געפאר, ענדערשט זאלן זיי זיך אראפלייגן אויף די ערד און באשיצן זייערע קעפ מיט די צוויי הענט. אינצווישן האבן זיך די טישן איבערגעקערט, די טעלער'ס האבן זיך צובראכן, פלעשער טרינקען האבן זיך געגאסן אויף די ערד, יונג און אלט זענען געפאלן אויף די ערד.

רבי שלום שוואדראן, וואס איז אויך געווען פון די באטייליגטע ביי די חתונה, האט יארן שפעטער דערציילט וואס זיינע אויגן האבן געזעהן:

"די ירדנ'ער האבן געמאכט א טומל אין די גאנצע געגנט, און די געגנט פון זאל וואס איז געווען נאנט צו די גרעניץ, האט געליטן דאס מערסטע. מענטשן פון אינעווייניג האבן געוואלט ארויסלויפן, און מענטשן פון גאס האבן געוואלט אריינלויפן. און אין זאל האט געהערשט א גענצליכע טונקלקייט וואס האט פארגרעסערט די שרעק.

און אינמיטן, ווי דער גאנצער טומל האט נישט מיט אים, איז געליגן דער גאון רבי אהרן זצ"ל אויף די ערד, זיינע הענט באשיצן זיין קאפ, זיינע אויגן זענען פארמאכט מיט א דביקות, און ער טשעפשעט א תפילה. איך האב זיך אראפגעבויגן כדי צו קענען הערן וואס דאוונט דער גאון הדור אין אזא שווערע צייט, ווען ארום אים הערשט א טויט שרעק? איך האב זיך צוגעהערט און איך האב געהערט:

"רבונו של עולם", האט רבי אהרן זיך געבעהטן אויף זיין לעבן, "איך וויל ווייטער לערנען דיין הייליגע תורה!"

אויך נאך וואס די גרודער פון אינדרויסן האט זיך אביסל בארואיגט האט זיך די טומל נישט געענדיגט. די טונקלקייט איז נאך פארבליבן. א שרעק האט געהערשט צווישן די פארזאמלטע; איינער האט געזוכט זיין פאטער און דער צווייטער זיינע קינדער, ווען היסטערישע געשרייען און געוויינערייי ווערן באגלייט מיט א גרודער.

און רבי אהרן, אזוי ווי איינער וואס פילט נישט וואס עס גייט פאר ארום אים, איז נאך אלץ געווען איינגעזינקען אין זיין דאווענען. איינער פון זיינע תלמידים, רבי עזרא נוביק, האט מיר פארציילט אז ער האט זיך אראפגעבויגן צו זיין ריכטונג כדי אים צו העלפן אויפשטיין, און אינצווישן האט ער אנגעיאגט צו הערן ווי ער בעהט זיך פון טיפן הארץ; "טאטע, איך וויל דיר נאך דינען!", און נאך אזעלעכע זאצן פון געבעהט ווען קיינמאל דערמאנט ער נישט זיינע פריוואטע זאכן; ווי דער אויבישטער שטייט אקעגן זיינע אויגן, און ער בעהט זיך נאר אויף דעם ער זאל אים קענען ווייטער דינען".

"לאמיר אריינטראכטן", האט ר' שלום געענדיגט זיין ערציילונג מיט א שטארקער דרהער: "אויב מיר וואלטן דארט געווען אין יענע צייט, אויף וואס וואלטן מיר געטראכט? זיכער אויף אונז און אויף אונזער הויזגעזונד. אבער ר' אהרן - די איינציגסטע זאך וואס האט אים אינטערעסירט אין יענע מינוטן איז נאר געווען די אמת'דיגע לעבן, די חיים נצחיים, אז ער זאל קענען ווייטער שטייגן אין תורה און חכמה, ער זאל נאך קענען עפעס אויפטוהן פאר כבוד שמים.

דאס איז געווען די האפענונג און די תפילה פון ר' אהרן אגאנץ לעבן, און אין זכות פון אזעלעכע תפילות איז ער זיכער אנגעקומען צו וואס ער איז אנגעקומען".

'קול חוצב' עמ' 167

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע